# שיחות ודברות קודש לפרשת פנחס משנת תשע"ג לפ"ק

## במסיבת חומש סעודה לילדי התלמוד תורה במאנסי

יום א' פרשת פנחס תשע"ג לפ"ק

**איך** וויל באגריסען די חשובע עלטערן, וואס זענען זיך געקומען משתתף זיין ביי די שמחה פון זייערע קינדער און אייניקלעך. מען האט פריער געהערט די געוואלדיגע זכיה אז מען איז זוכה אז דער אייבערשטער געט קינדער, און מען קען זיי מחנך זיין צו תורה. יעצט איז די התחלה פונעם חינוך, מען הייבט אן צו לערנען חומש, און עס איז נאך דא א לאנגער וועג, ביז מען וואקסט אויס א תלמיד חכם און א ערליכער יוד. און ביי א יוד ליגט אלעס אין די התחלה, ווי אזוי מען גייט צו אין אנהייב, אין דעם ווענט זיך אלעס. זאל דער אייבערשטער העלפען, אז די התחלה זאל ווייטער נמשך ווערן, מתוך שמחה וטוב לבב, און מען זאל קענען זעהן, ווי אזוי די קינדערלעך וואקסען אויס, תלמידי חכמים און יראי ה'.

**מען** געפונט אין די פאריגע וואכעדיגע פרשה, אז בלעם איז געקומען שעלטן יודען, ולא אבה ה' אלקיך לשמוע אל בלעם, ויהפוך ה' אלקיך לך את הקללה לברכה, כי אהבך ה' אלקיך (דברים כג-ו). דער באשעפער האט מהפך געווען אלע קללות פון בלעם אויף א ברכה. און פונדעסטוועגן שטייט אין די גמרא (סנהדרין קה:) אז טאקע יעצט האט ער געבענטשט יודען, אבער שפעטער איז צוריק נתהפך געווארן אלע ברכות פאר קללות. נאר איין ברכה וואס ער האט געבענטשט יודען איז נישט נתהפך געווארען, דאס וואס ער האט געזאגט, מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל (במדבר כד-ה), ווי גוט זענען די בתי כנסיות און בתי מדרשות פון יודען. דאס איז געבליבן אויף אייביג, און עס איז נישט נתהפך געווארן. און מען דארף פארשטיין, אויב דער אייבערשטער האט מהפך געווען די קללות פאר א ברכה, און נאכדעם איז עס צוריק געווארן אויף קללות. האט מען דאך גארנישט אויפגעטון, מיט דעם וואס מען האט מהפך געווען די קללות פאר א ברכה, ווייל עס איז דאך שפעטער צוריקגעקומען.

**נאר** אז דער אייבערשטער האט אונז איבערגעלאזט איין ברכה, וואס עס איז געבליבן בשלימות. אז אונזערע בתי כנסיות און בתי מדרשות זענען פיל מיט יודישע קינדער, און מען איז מחנך קינדער צו לערנען תורה, און מען קומט אין בית המדרש דאווענען. דורך דעם כח פון תורה און תפלה פון יודען, מעג קומען בלעם און שעלטען יודען, אבער די אלע קללות וועלן נישט האבען קיין כח, אז זיי זאלען קענען חל זיין. אויב די ברכה פון 'מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל', איז איבערגעבליבן פאר אונז, מיר האבען בתי כנסיות וואו יודען קומען דאווענען, מיר האבען בתי מדרשות וואו מען איז מחנך קינדער צו תורה, קען קומען בלעם און מקלל זיין, אבער די קללות קענען נישט האבען קיין כח. דער אייבערשטער האט שוין מקדים געווען, אם בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו (ויקרא כו-ג), אויב יודען וועלן זיצען און לערנען, וועלן זיי זיין געבענטשט. און אפילו עס איז נתהפך געווארן צוריק אלע ברכות פאר קללות, אבער אז עס איז איבערגעבליבן דער מה טובו אהליך יעקב, איז אלעס א ברכה.

**מיר** האבען די זכיה, אז מיר האבען בתי כנסיות און בתי מדרשות, וואו יודען לערנען און דאווענען, און מען איז מחנך קינדער פאר תורה. און מיט דעם זענען מיר געזיכערט, אז אונזער עתיד וועט זיין א גלאנציגער וועג. און דער אייבערשטער וועט העלפען, אז די קללות וועלן נישט האבען קיין שום שליטה אויפן כלל ישראל.

**דער** פסוק זאגט אבער א דאפעלטען לשון, מה טובו 'אהליך יעקב' 'משכנותיך ישראל', מען רעדט פון 'אהלים', און מען רעדט פון א 'משכן'. בתי כנסיות און בתי מדרשות זענען פאר יעדן יוד א מקום קבוע. דאס איז זיין פלאץ ווי ער לערנט, און ער דאווענט, דאס איז זיין 'משכן'. ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח). די

שטובער וואו מיר וואוינען, זענען אונזערע 'אהלים', אונזער אהל עראי, דאס איז פארגענגליך. מען קען אבער נישט מחנך זיין קינדער, נאר מיט דעם וואס מיר שיקן די קינדער אין תלמוד תורה, און זיי זאלען לערנען פלייסיג, אז זיי זאלען אויסוואקסען א משכן ה', תלמידי חכמים ויראי ה', און זיך פארלאזען נאר אויף די משכנותיך ישראל, אז ער געפונט זיך אין א גוטע תלמוד תורה, עס איז דא א גוטער מלמד, עס איז דא א גוטער מנהל וואס גיט אכט, און ער קוקט אז דאס קינד זאל וואקסען און שטייגען, און מען פארלאזט זיך נאר אויף דעם. עס ארבעט נישט אזוי. עס איז א שותפות, **די שטוב מוז זיין צוגעשטעלט דערצו, און מיט האלטען מיט די תלמוד תורה, אין צוויי חלקים. סיי אז אויב מען פארלאנגט עפעס אין תלמוד תורה, זאל די שטוב נישט זיין דערקעגן. די שטוב דארף מיט העלפען, און דאס קינד זאל וויסן, אז מען ארבעט צוזאמען. און דער רבי און די עלטערן זענען אויף איין מיינונג, און אלע שטרעבן צוצוקומען צו די זעלבע נקודה.** ווען קינדער וויסען אז עס איז פארבינדען איינס מיטן צווייטן, דעמאלטס קען די תלמוד תורה האבען א השפעה, אז מען זאל קענען ערציען און מחנך זיין ערליכע יודישע קינדער.

**און בכלל, א שטוב וואס עס איז נישט געבויעט על אדני התורה, אין א שטוב וואס יודישקייט איז נאכגעלאזט, עס איז נישטא די כובד ראש, די ערנסטקייט פון א שטוב. א קינד פון אזא שטוב, איז זייער שווער אז די תלמוד תורה זאל קענען געהעריג מחנך זיין. א קינד וואס קומט אהיים נאכדעם וואס ער האט געלערנט, און ער זעהט א שטוב וואס איז פיל מיט ווארעמקייט, א שטוב וואס מען בענקט נאך תורה, מען רעדט שטענדיג פון תורה, מען טוט שעצן תורה, מען רעדט פון שעצן תלמידי חכמים, שעצן בני תורה. און דאס קינד זעהט אז די שטוב גייט על דרכי התורה, א שטוב וואס איז ריין פון די אלע היינטיגע כלים, וואס טוען ח"ו אראפפירן אונזער יוגנט פונעם ריכטיגען וועג, מען האט ערליכע שטובער, דעמאלטס האט א כח די תלמוד תורה, אז זיי זאלען קענען ערציען ערליכע יודישע דורות.**

**און** עס איז א געוואלדיגער פליכט אויף אונז, מען לעבט אין זייער א שווערען דור, עס איז ממש נישט צו פארשטיין ווי אזוי אונזערע קינדער און אייניקלעך וועלן קענען במשך הימים זיך פירן ערליך. די נסיונות זענען היינט אזוי גרויס, וואס מען האט זיך נישט געחלומ'ט אמאל, אז עס וועט אזוי אויסזעהן. די טריפה'נע גאס קומט אריין כמעט אין יעדע יודישע שטוב, עס דרינגט אריין אויף געוויסע אופנים. **און אויב מיר וועלן נישט מאכען געהעריגע גדרים וסייגים אויף אונזערע שטובער, אז אונזערע שטובער זאלען זיין הייליג, איז זייער שווער מחנך צו זיין ערליכע קינדער. די גאס קען מען נישט טוישן, אבער אז א קינד וויסט, אז מיין טאטע און מיין מאמע שטרעבן אז איך זאל זיין ערליך, און מען פירט זיך אליין אויף ערליך. דאס איז די איינציגע וועג ווי אזוי מיר קענען מחנך זיין אונזערע דורות.**

**אז** מען וויל אז 'משכנותיך ישראל', די משכנות זאלען זיין ערליך, אז מען זאל קענען דארט ערציען יודישע קינדער. ווענט זיך עס אין 'מה טובו אהליך יעקב', מוז זיין די אהל, די שטוב, צוגעפאסט. ווען עס איז דא ביידע צוזאמען, עס איז 'מה טובו אהליך יעקב', די שטוב איז א שיינע שטוב, א ערליכע שטוב, ווען עס קומט שבת, איז די שטוב א ווארעמע שטוב. נישט אז מען האט אפגעגעסן די סעודה און מען גייט שלאפן. נאר מען פארברענגט מיט די קינדער, מען רעדט מיט זיי דברי תורה, מען דערציילט סיפורי צדיקים, עס לעבט די שטוב, מען זינגט זמירות, עס איז דא א ווארעמקייט אין די שטוב. דעמאלטס איז 'משכנותיך ישראל', האט א כח די תלמוד תורה, צו קענען צוהעלפען, אז מען זאל קענען ערציען יודישע דורות.

**ב"ה** די עלטערן וויסען וויפיל אויסערגעוועונליכע כוחות די תלמוד תורה לייגט אריין, אז די קינדער זאלען אויסוואקסען תלמידי חכמים. ב"ה די שטובער פון וואו די קינדער קומען, זענען פיינע ערליכע יודישע שטובער. און מען דארף עס אנהאלטען אז עס זאל בלייבען אויף דעם וועג. יעדער דארף זעהן אויפצוהייבען זיין שטוב, אז עס זאל זיין לשם ולתפארת. ווען עס איז דא די קשר

פון די עלטערן מיט די תלמוד תורה, דעמאלטס קען מען זעהן די ריכטיגע פירות. - זאל דער אייבערשטער געבן, אז די קינדער זאלען אויסוואקסען תלמידי חכמים און יראי ה', און די עלטערן און די זיידעס זאלען זעהן אסאך נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און מיר זאלען אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

## סיפורי צדיקים שנשמעו בסעודת מלוה מלכה

מוצש"ק פרשת פנחס תשע"ג לפ"ק - מתוך הספר י"ג אורות

**דער צאנזער רב** האט געהאט מערערע קינדער, דער עלטסטער זון איז געווען דער **שינאווער רב**, און ער האט אויך געהאט א זון רבי אהרן, וואס איז געווען דער **קרייז'ער רב**. ער האט געהייסען דער **קרייזער רב**, ווייל ער האט געוואוינט אין די שטאט צאנז. און א געגענט, א גליל, ווערט אנגערופן 'קרייז'. און דער **צאנזער רב** האט אים בחייו געמאכט רב אין די געגענט ארום צאנז, האט מען אים גערופן, אז ער איז דער רב פונעם 'קרייז' ארום צאנז. דער **צאנזער רב** האט געהאט נאך קינדער, דער **גארליצער רב**, **רבי ישעי' מטשעחוב**, און **רבי שלום אליעזר מראצפערט**.

**ווען** דער **קרייזער רב** איז געבוירן געווארן צום **צאנזער רב**, האט ער געוואוינט אין רודניק. בעפאר ער איז געווארן רב אין צאנז, איז ער געווען רב אין רודניק. האט ער געשריבען א בריוו פאר זיין רבי, דער הייליגער **ראפשיצער רב**, און ער האט אים אנגעפרעגט, וועלכע נאמען ער זאל געבן פאר זיין קינד. האט ער אים צוריקגעענטפערט, 'אהרן'. און ער האט אזוי געטון, און ביי די ברית האט ער א נאמען געגעבן אהרן.

**דער צאנזער רב** איז געווען א איידעם ביי דעם **ברוך טעם**, און דער **ברוך טעם** האט מקפיד געווען, אז מען זאל געבן די נעמען נאך די משפחה. ווען עס איז אנגעקומען דער בריוו צום **ברוך טעם**, אז עס איז געבוירן א יונגעל צום **צאנזער רב**, און ער האט אים א נאמען געגעבן אהרן. און ער האט געוואוסט אז אין די גאנצע משפחה, איז נישט דא קיין נאמען אהרן. האט עס אים גע'אהרט, פארוואס ער האט געגעבן דעם נאמען. און דער **ברוך טעם** האט צוריקגעשריבען א בריוו פארן **צאנזער רב**, איך זעה אז דו האסט אים א נאמען געגעבן אהרן, מיר שטאמען עפעס פון גרים, אז דו מוזט זוכען א נאמען פון חומש, און דו האסט נישט געטראפען אין די משפחה, נאך וועם צו געבן א נאמען. [א גר האט נישט קיין משפחה נאך וועם צו געבן א נאמען, ווייל אלע זענען דאך גוים]. פארוואס האסטו אים א נאמען געגעבן אהרן. שפעטער איז דער **קרייזער רב** נסתלק געווארן ראש חודש אב, די טאג פון די פטירה פון אהרן הכהן. האט מען דעמאלטס פארשטאנען די רוח הקודש פונעם **ראפשיצער רב**, אז ער האט מרגיש געווען, אז ער האט אין זיך א ניצוץ פון די נשמה פון אהרן הכהן, און וועגן דעם האט ער אים א נאמען געגעבן אהרן.

*

**דער קרייזער רב** איז געווען א איידעם אין די שטאט דוקלא. און ער האט געהאט א חבר **רבי אברהם פון שענדישוב**, וואס מיט אים האט ער געלערנט בחברותא. האט דער **קרייזער רב** פארציילט, אז איינמאל פארטאגס ווען ער איז געגאנגען אויפוועקן דעם חבר צו קומען לערנען, ווען ער איז אנגעקומען צו אים אין שטוב, האט ער געזען אז זיינע שטיוול זענען געווען צוגעגרייט ביי די טיר, און עס איז געווען זייער שיין אויסגעפוצט. און עס האט אים אזוי גע'ארט, אז ער טוט זיך פיצען זיינע בגדים. האט ער געטראכט, אז ער גייט נעמען די שטיוול, און עס אנשמירן מיט אביסל מאראסט, אז די שטיוול זאל נישט זיין אזוי שיין. ווען ער האט אויפגעהויבען די שטיוול, האט ער געהערט אינווייניג א גערודער, האט ער געקוקט וואס עס איז דא אינווייניג, האט ער געזען, אז עס איז דא אינווייניג בונדלעך, אז ווען ער וועט גיין, זאל עס אים מצער זיין, ווען ער וועט שפירן די טריט. איז

ער געווואר געווארן אז זיין חבר דער רבי אברהם, טוט באהאלטען זיין צדקות. פון אויסווייניג קוקט עס אויס, ווי ער גייט מיט שיינע שטיוול, אבער אינווייניג האט ער געהאט קליינע בונדלעך, וואס זאל אים שטערן דאס גיין.

**והוסיף רבינו שליט"א:** איך האב געזען שטיין פונעם **פני מנחם**, אז ער איז אמאל געווען ביי א דאקטאר אין ארץ ישראל, א יודישער דאקטאר אבער א פרייער. און דער דאקטאר האט פארגעהאלטן פארן **גערער רבי**, פארוואס דער חרדישער עולם איז אזוי מקפיד אז מען זאל נישט זעהן קיין צורה פון א אשה, און מען טוט זיך שטארק אפהיטן, מען זאל נישט זעהן וואס מען דארף נישט. מיך ארט נישט די אלע זאכען וואס איך זעה, און עס מאכט נישט אויף מיר קיין רושם. און וואס איז מיט ענק חרדים, אז א יעדע זאך מאכט ביי ענק א רושם.

**האט** אים דער **גערער רבי** געזאגט, האסט געזען די בעדואינער ווי אזוי זיי גייען אויפן גאס. זיי גייען אָן שיך, און זיי טרעטן אויף שטיינער, און אויף שפיציגע זאכן, און זיי שפירן גארנישט. זייער הויט איז געווארן אזוי הארט פון גיין אויף שטיינער, אז זיי שפירן גארנישט אויף וואס זיי טרעטן. א יוראפע'ער, וואס ער גייט מיט שיך אז ער וועט גיין אויף א זאך וואס עס איז נישט גראד, תיכף וועט ער עס שפירן. יעדע קליינע שטיקעלע ווי ער וועט ארויף טרעטן, וועט אים וויי טון. פארוואס, ווייל אזוי ווי ער היט זיך דעם גוף, האט ער זייער א איידעלע הויט, און ממילא שפירט ער א יעדע קלייניגקייט. ווער איז מער אינטעליגענט, דער יוראפע'ער, אדער דער בעדואינער. זאגט אים דער **פני מנחם**, איר שפירט שוין גארנישט, אזוי ווי דער בעדואינער. ווי מען טרעט, און ווי מען קוקט, מאכט נישט ביי ענק א רושם. מיר זענען איידעל, און ביי אונז מאכט א רושם א יעדע זאך וואס מען זעהט.

*

**אין** צאנז איז געווען א יוד וואס האט געהייסען ר' יוסף הכהן. און ער האט אמאל אריבער געשווערצט די גרעניץ סחורה, וואס מען האט נישט געטארט טראגען, און מען האט אים געכאפט. און מען האט אים אנגעהויבען אויספרעגן אויף די סחורה וואס ער טראגט, האט ער געזאגט ליגנט, און ער האט געזאגט, אז די סחורה איז נישט זיינס, נאר עס איז דעם און דעם יוד'ס, וואס וואוינט אין צאנז. און ער האט מיר געבעטען, אז איך זאל עס טראגען. און די ממשלה האט געבעטען שטייער פון דעם יוד, אויף וועם מען האט געמסר'ט אז עס איז זיין סחורה, אז ער זאל באצאלען. און דער יוד האט נישט געהאט קיין ברירה, און ער האט באצאלט די שטייער, וואס די רעגירונג האט געבעטען. און נאכדעם האט ער גערופן דעם יוסף צו דין תורה, אז ער האט ארויף געלייגט אויף אים א בלבול, אז עס איז זיין סחורה. און ער האט אים שאדן געמאכט, אז ער האט געדארפט באצאלען שטייער פאר די רעגירונג. און דער **קרייזער רב** איז געווען פונעם בית דין, און מען האט אים מחייב געווען אז ער דארף באצאלען.

**און** דער יוסף איז נישט געווען קיין צייט דינא, און ער האט נישט געוואלט באצאלען. איז מען געגאנגען, און מען האט אים געלייגט אין חרם, אז קיינער טאר נישט האבען מיט אים קיין שייכות. איז געגאנגען דער יוסף, און ער האט אריינגעגעבן א מסירה פאר די רעגירונג, אקעגן דעם **קרייזער רב**. ווייל לויט די געזעץ פון די מלוכה, האבען די רבנים נישט געהאט קיין רעכט, זיך צו באנוצען מיט א חרם, איינעם מחרים צו זיין פונעם ציבור, און אים האט מען מחרים געווען. און עס איז געווען א שווערע קלאגע אויפן **קרייזער רב**, אז ער האט געלייגט דעם יוד אין חרם.

**דעמאלטס** אין די צייט איז געווען א שידוך פונעם צאנזער רב'ס א קינד. **רבי ישעי' טשעחוב'ער**, איז געווארן א איידעם ביי **רבי יהושע פון בעלזא זי"ע**. און דער **בעלזא'ער רב** איז געווען דעמאלטס אין צאנז, און אזוי ווי עס איז געווען דעמאלטס דער משפט אויפן **קרייזער רב**, האט איינער פון די מקורבים פונעם **קרייזער רב**, געבעטען דעם **בעלזא רב**, אז ער זאל זעהן צו בעטען ביי דעם מחותן, ביים **צאנזער רב**,

אז ער זאל מעורר רחמים זיין אויף זיין זון. אז מען זאל אים מיטן בית דין, נישט דן זיין צו זיצען אין תפיסה, ווייל עס וועט זיין א חילול ה', אז מען האט איינגעזעצט דעם רב מיטן בית דין אין תפיסה. און דער **בעלזא רב** האט געזאגט פארן **צאנזער רב**, אז מען דארף זעהן מעורר רחמים צו זיין אויפן **קרייזער רב**, אז עס זאל נישט זיין קיין חילול ה'. האט דער **צאנזער רב** זיך צופייערט, און ער האט געזאגט, וואס, דאס איז א חילול ה'. יוסף הצדיק איז אויך געזעסן אין תפיסה. **רבי ישראל פון רוזין** איז אויך געזעסן אין תפיסה. א חילול ה' איז, ווען מען פארגעסט איין רגע פונעם בורא כל עולמים, דאס איז א חילול ה'. אבער ווען מען זעצט איין א יוד, ווייל ער האט געטון וואס די תורה זאגט, דאס איז נישט קיין חילול ה'. און אז מען דארף זיצען דערפאר, זאל מען זיצען.

**און** דער יוד האט ווייטער נישט געפאלגט. און עס איז געקומען פסח, ווען מען דארף דוכענען, און דער יוד איז געווען א כהן, האט דער **קרייזער רב** געפסק'נט, אז אזוי ווי ער איז נישט ציית דינא, טאר ער נישט דוכענען. האט ער אריינגעגעבן א פרישע קלאגע, אז מען האט אים אויך צוריקגעהאלטען פון דוכענען פסח. און דאס איז געווען די לעצטע פסח פונעם **צאנזער רב**, דער **צאנזער רב** איז אוועק כ"ה ניסן, דריי טאג נאך פסח. און תיכף אסרו חג, צוויי טאג פאר דער **צאנזער רב** איז אוועק, האט מען איינגעשפארט דעם **קרייזער רב**, מיטן בית דין און נאך פערציג פון די טובי הקהל, וואס זיי האבען צוגעלאזט דערצו, אויף זעקס וואכען. און ווען דער **צאנזער רב** איז אוועק, איז זיין זון דער **קרייזער רב** געזעסן אין תפיסה. און מען האט געפועל'ט, אז מען זאל אים ארויסלאזען צו די לויה. און ער איז ארויסגעקומען צו די לויה, מיט זשאנדארען וואס זענען געשטאנען ביי די צוויי זייטען. און תיכף נאך די לויה, האט מען אים צוריקגעטראגען אין תפיסה. און די שבעה איז ער געזעסן אין תפיסה. מען האט אריינגעלאזט יעדן טאג צען יודען, אז ער זאל קענען דאווענען, און זאגען קדיש. און ער איז געווען זעקס וואכען אין תפיסה.

דער **שינאווער רב** האט נאכדעם געזאגט, אז ער האט הנאה אז מען האט איינגעזעצט דעם **קרייזער רב**. ווייל די הלכה איז (שו"ע יו"ד סימן של"ד), אז ווען איינער איז נישט ציית דינא, דארף מען אים לייגען אין חרם. און די רבנים האבען נישט קיין כח דאס אויסצופירן, און לייגען יענעם אין חרם, ווייל מען האט צוטון מיט גבר אלים'ס. איז לכאורה דא א דין אויף די רבנים, אז זיי פירן נישט אויס, אז איינער וואס פאלגט נישט קיין דין תורה, זאל מען אים לייגען אין חרם. אבער אזוי ווי מען האט יעצט איינגעזעצט אין תפיסה, פאר דעם וואס מען האט געלייגט א יוד אין חרם, איז פון היינט אָן, אפילו לכתחילה נישטא קיין חיוב אויף א רב, אריינצולייגען איינעם וואס איז נישט ציית דינא אין חרם, ווייל עס איז פארבינדען מיט מסירת נפש. און עס איז נישטא קיין ענין פון מסירת נפש, אז מען זאל יענעם מחרים זיין. און אז מען האט שוין איינגעשפארט פאר דעם, און מען זעהט אז מען האט שוין אויסגעפירט אזא משפט, איז גרינגער געווארן די דין פון אלע מורה הוראה'ס, אז א רב פון א שטאט, אויב מען איז נישט ציית דינא, איז ער שוין נישט מחויב מער מוחה צו זיין, ווייל עס איז נוגע צו פיקוח נפש.

*

**נאכדעם** וואס דער **צאנזער רב** איז אוועק. איז דער **שינאווער רב**, וואס ער איז געווען רב אין שינאווע, געבליבען וואוינען אין צאנז. ער האט געהאלטען, אז א זון איז יורש דעם רבנות פונעם פאטער, און ער איז דער בכור, און אז דער **צאנזער רב** איז אוועק, נעמט ער איבער דאס רבנות אין צאנז. און דער **קרייזער רב** ווייטער, האט געוואוינט אין צאנז. און ער האט געהאלטען, אז דאס רבנות קומט פאר אים. ווייל אזוי ווי בחיים חיותו פונעם פאטער, די לעצטע יארן, האט דער **צאנזער רב** זיך שוין נישט אפגעגעבן מיט די רבנות אין שטאט, און ער האט אלעס איבערגעגעבן פארן זון, אז דער זון זאל עס פירן, איז ממילא האט ער געהאלטן אז דער פאטער האט אים איבערגעגעבן בחייו די רבנות פון צאנז. און עס איז געווען א סכסוך, פאר וועם עס געהערט די רבנות אין צאנז. דער **שינאווער רב** האט געטענ'ט, אז ער

איז דער עלצטער זון, קומט עס פאר אים. און דער **קרייזער רב** האט געהאלטען, אז מען האט אים איבערגעגעבן די רבנות פון פריער, און ממילא געהערט עס פאר אים.

**און** דער **שינאוואר רב** איז נישט אוועקגעגאנגען פון צאנז, און ער איז געזעסן דארט א גאנץ יאר. און מען האט נישט געקענט אויסגראדען, ווער דער רב אין שטאט איז. צו דער **קרייזער רב**, צו דער **שינאוואר רב**. און צווישן די בעלי בתים, איז אויך געווען צוויי פארטייען. די חסידים ואנשי מעשה האבען געוואלט, אז דער **שינאווער רב** זאל איבערנעמען. דער **שינאווער רב** איז געווען עלטער, ער איז געווען דער בכור, און ער איז שוין דעמאלטס געווען מפורסם פאר א אדם גדול. דער בעל בתי'שער עולם, און די המון עם, האבען ענדערש געוואלט אז דער **קרייזער רב** זאל זיין רב, ווייל דער **שינאווער רב** איז געווען א גרויסער תקיף, און זיי האבען מורא געהאט פון זיין תקיפות, און זיי האבען נישט געוואלט אז ער זאל זיין רב, האבען זיי געוואלט אז דער **קרייזער רב** זאל זיין, און נאכדעם איז געווען אזעלכע וואס האבען געהאט טענות אויפן **שינאווער רב**, אז ער האט זיך געקריגט אויפן פאטער מיט אסאך זאכען, און זיי האבען געהאלטען אז עס קומט זיך נישט, אז ער זאל איבערנעמען דעם פלאץ פונעם פאטער.

**עס** איז אדורך א יאר, און מען האט נישט אויסגעגראדט די רבנות, און מען האט אנגעהויבען צו שרייבען אין די צייטונגען דברי גנות אקעגן דעם **שינאווער רב**, פארוואס ער וואוינט אין צאנז, און ער נעמט צו די רבנות פונעם **קרייזער רב**. ווען דער **שינאווער רב** האט געהערט, אז מען שרייבט אין צייטונגען דערפון, האט ער געזאגט, אז עס שטייט שוין אין די צייטונגען, וויל איך נישט זיין דא. זעהט אויס, אז ער האט מורא געהאט פון א חילול ה' וואס עס וועט זיין, האט ער איבערגעלאזט די שטאט, און ער איז צוריקגעגאנגען אויף שינאווע. און דער **קרייזער רב** איז געבליבען ווייטער וואוינען אין צאנז, אבער מען האט אים נישט אויפגענומען פאר רב.

**נאך** א שטיק צייט, איז דער **שינאווער רב** אמאל געווען אין צאנז. און ער איז געגאנגען באזוכען דעם ברודער, דעם **קרייזער רב.** און דער **קרייזער רב** האט אים געפרעגט א פשט אין א שווער שטיקל זוהר, האט דער **שינאווער רב** געזאגט פארן ברודער, נא, לאמיר הערן וואס דו האסט צו זאגען דערויף. האט אים דער **קרייזער רב** געזאגט א פשט, און עס איז זייער געפעלן פארן **שינאווער רב.** און אזוי ווייט איז ער נתפעל געווארן, אז דער **קרייזער רב** האט אזוי שיין מסביר געווען דעם זוהר, אז ער האט געזאגט, איך זעה אז דו ביסט אזא גדול בתורה, איך בין מוותר דעם רבנות פאר דיר. איך וועל בלייבען אין שינאווע, און דו קענסט זיין דא דער רב.

**ווען** דער **שינאווער רב** איז אהיים געקומען, און ער האט דערציילט אין שטוב, אז ער האט מוותר געווען דעם רבנות פארן **קרייזער רב.** האבען די קינדער אים פארגעהאלטן, פארוואס ער האט עס געטון. האט דער **שינאווער רב** געזאגט איך האב עס איבערגעגעבן נאר פאר אים, אבער נישט פאר זיינע קינדער נאך אים. פאר אים בין איך מוותר, אבער נישט פאר זיינע דורות שפעטער.

**דער שינאווער רב** איז אוועק תרנ"ט, און דער **קרייזער רב** איז אוועק תרס"ג, פיר יאר שפעטער. נאכדעם וואס דער **קרייזער רב** איז אוועק, איז געקומען **רבי משה'לע שינאווער**, שינאווער רב'ס זון, און ער האט אנגעהויבען מערער צו זיין אויף די רבנות. אז דער טאטע האט עס איבערגעגעבן נאר פארן **קרייזער רב**, און אז דער **קרייזער רב** איז נסתלק געווארן, גייט עס צוריק צום **שינאווער רב.** און ער איז שינאווער רב'ס זון, איז ממילא קומט זיך פאר אים די רבנות. איז געווען צווישן זיי א דין תורה ביים **ברעזשאנ'ער רב**, דער **מהרש"ם**, צו די רבנות גייט צוריק צום שינאווער רב'ס זון, צו עס גייט פארן קרייזער רב'ס זון. און עס איז געדריקט א תשובה דערויף אין **מהרש"ם** (ח"ד סימן קמ"ג), ווי דער **מהרש"ם** פירט אויס, אז עס בלייבט פארן **קרייזער רב.** כאטש דער **שינאווער רב** האט נישט מוחל געווען נאר פאר אים, און

נישט פארן זון, האט עס דער זון איבערגענומען, און דער קרייזער רב'ס קינדער, זענען געווען נאכדעם די ממלא מקום פון זייער פאטער.

*

**מען** האט פריער דערמאנט, אז עס איז געווען א מחלוקת צווישן דעם **שינאווער רב** און זיין פאטער. עס איז געווען געוויסע זאכען, וואס זיי האבען זיך געקריגט איינער מיטן צווייטן. די וועלט ווייסט אז מען האט זיך געקריגט וועגן א שטר מכירה אויף שבת. א מענטש וואס האט פעלדער מיט בהמות, אזוי ווי עס איז אמאל געווען, איז דא א הלכה פון שביתת בהמה. די בהמות דארפן רוען שבת, און מען טאר נישט טון קיין מלאכות אויף די פעלדער אין שבת. און עס איז געווען זייער שווער, אז מען זאל דאס קענען האלטען. האט מען געמאכט א שטר מכירה, אזוי ווי ביי מכירת חמץ, וואס מען האלט די חמץ אין שטוב, און מען פארקויפט עס פאר א גוי, און עס איז נישט זיינס. אזוי האט מען פארקויפט דעם 'גיט' (אזוי האט געהייסען די פעלדער און די בהמות) פאר א גוי. און אז עס איז דעם גוי'ס, איז נישטא קיין שביתת בהמה, און עס איז נישטא קיין שאלה פון מלאכות, און פון אמירה לעכו"ם, ווייל עס איז אלעס דעם גוי'ס. און דער **צאנזער רב** האט מסכים געווען צו דעם היתר מכירה, אז מען קען עס פארקויפן, אזוי ווי מען פארקויפט חמץ. און דער **שינאווער רב** איז געווען שטארק דערקעגן. און ער האט געהאלטען, אז מען טאר עס נישט טון, און עס איז א חילול שבת. חמץ קען מען פארקויפן, אבער אויף שבת קען מען נישט פארקויפן, און עס נוצט נישט די שטר מכירה.

**און** דער **שינאווער רב** האט געזאגט, אז די סיבה פארוואס דער **צאנזער רב** האט מתיר געווען די שטר מכירה, האט זיך גענומען פון א מעשה, וואס עס איז פארגעקומען ביים **צאנזער רב**. אז דער **הייליגער רוזינער** האט געוואוינט אין רוסלאנד, און מען האט אים איינגעזעצט אין תפיסה, ווייל די רעגירונג האט געהאט טענות אויף אים. שפעטער האט מען אים נאכאמאל געוואלט איינזעצן, איז ער אנטלאפן. ער האט איבערגעלאזט רוזין, און ער איז געגאנגען אויף סאדיגער, וואס דאס איז געווען אין גאליציע, א אנדערע מדינה. איז ממילא אזוי ווי ער איז ארויס פון רוסלאנד, האט מען אים גארנישט געקענט טון. גאליציע האט דעמאלטס געהערט פאר עסטרייך - אונגארן, האט די רוסישע רעגירונג פארלאנגט פון די עסטרייכישע רעגירונג, אז זיי זאלען צוריק ליפערן דעם **רוזינער**, ווייל ער איז אנטלאפן פון זייער מקום, און זיי האבען א משפט אקעגען אים.

**עס** איז געווען א גרויסע צרה פארן **רוזינער**, ביז די חסידים זענען ארויף געקומען, אז עס איז דא א עצה דערויף. אז אין די געזעצן פון אונגארן איז געווען א געזעץ, אז ווען איינער האט א 'גיט', ער פארמאגט פעלדער מיט בהמות און אזוי ווייטער, ווערט ער גערעכנט אזוי ווי א בירגער פונעם לאנד, און א בירגער דארף מען נישט איבערגעבן פאר א צווייטע מדינה. איז מען געגאנגען און מען האט געקויפט פארן רוזינער א 'גיט', מיט בהמות ווי דער סדר איז, אין די שטאט פאטיק. און אזוי איז ער געווארן א בירגער פון עסטרייך - אונגארן, האט רוסלאנד נישט געקענט פארלאנגען, אז מען זאל אים צוריקליפערן.

**ווער** עס האט געהאט פערד, האט געדארפט אוועקגעבען א חלק פאר די רעגירונג. די רעגירונג האט אויסגעבארגט די פערד, צו טון פאר די ממשלה געוויסע זאכען, וואס מען האט געדארפט צו טון פאר די מיליטער. איז מען געקומען צום **רוזינער**, אז אזוי ווי ער האט אפגעקויפט די 'גיט', מוז ער געבן פון זיינע בהמות פאר די רעגירונג. און דער **רוזינער** האט זיך שטארק מצער געווען דערויף, אלץ שביתת בהמה. א יוד'ס בהמה טאר נישט טון שבת א מלאכה, און אז ער גיט איבער זיינע בהמות פארן מיליטער, קומט אויס אז זיינע בהמות וועלן טון א מלאכה אין שבת. און דעמאלטס איז אויסגעקומען אז דער **צאנזער רב** האט זיך געטראפן מיטן **רוזינער**, און דער **רוזינער** האט געזאגט פארן **צאנזער רב**, אז ער בעט אים ער זאל אים געבן א היתר, כדי ער זאל נישט עובר

זיין אויף שביתת בהמה דורך די ממשלה. און דעמאלטס האט דער **צאנזער רב** געשריבן א היתר דערויף, אז מען קען פארקויפן דעם 'גיט'. און אויף דעם האט דער **שינאווער רב** געשריגען, אז עס איז נישט אויסגעהאלטען דער היתר.

**דער בלוזשוב'ער רבי** האט דערציילט, אז ער איז אמאל געווען אין צאנז. און ער איז געזעסן נעבן דעם **צאנזער רב**, און דער **צאנזער רב** האט געזאגט תורה מיט גרויס התלהבות, און עס איז געפאלען אויף אים א פחד, אזוי ווייט אז אזוי ווי ער איז געזעסן דער ערשטער נעבן **צאנזער רב**, האט ער זיך אוועקגעריקט פונעם **צאנזער רב**, אזוי ווי איינער וואס האט מורא אז ער וועט זיך אפבריען, פון די געוואלדיגע קדושה, מיט וואס דער **צאנזער רב** האט דעמאלטס געזאגט תורה. און נאכן ענדיגען די תורה, איז דער **שינאווער רב** ארויפגעגאנגען אויפן באלעמער, און ער האט געגעבן א קלאפ אויפן באלעמער, אז מען זאל וויסן אז דער טאטע איז מתיר מחלל שבת צו זיין, ווייל ער האט מתיר געווען צו מאכען א שטר מכירה. און דער **צאנזער רב** האט געהערט אז עס רודערט זיך עפעס, האט ער געפרעגט וואס איז דארט. האט מען אים איבערגעזאגט וואס דער **שינאווער רב** האט געזאגט. האט ער געזאגט, 'מיין יחזקאל'ע איז כל מעשיו לשם שמים'. און ער האט עס משתיק געווען. דאס איז געווען איינע פון די זאכען וואס דער **צאנזער רב** מיטן **שינאווער רב** האבען געהאט צווישן זיך דין ודברים.

*

**די** צווייטע זאך וואס זיי האבען געהאט צווישן זיך דין ודברים, איז געווען אקעגן קביעת מזוזה. אז אויב עס איז דא א דיקע שוועל, דארף מען לייגען די מזוזה ביי די טפח וואס איז מבחוץ. ווען מען קומט אריין, די ערשטע טפח תיכף ביי די טיר, דארף מען ארויפלייגען די מזוזה (**שו"ע** יו"ד רפט-ב). און עס איז דא דערויף צוויי טעמים (עיין מנחות לג:), איין טעם כדי שיפגע בה תחלה, ווען ער קומט אריין, זאל ער תיכף טרעפן די מזוזה. ער זאל נישט דארפן אריינגיין א חלק פונעם שוועל, ביז ער טרעפט די מזוזה. און די צווייטע טעם איז וועגן שמירה פונעם שטוב, די מזוזה דאס איז די שמירה, קומט אויס ווי מער ארויס מען לייגט די מזוזה, איז די שטוב מער אפגעהיטן. אויב מען לייגט עס מער אריין, איז דער חלק וואס איז פאר די מזוזה, האט נישט קיין שמירה. וועגן דעם דארף מען עס לייגען בטפח הסמוך לחוץ.

**דער צאנזער רב** האט געהאלטן, אז דאס איז נאר אויף די ערשטע טיר, וואס איז סמוך לרשות הרבים. אבער אין שטוב אליין, אז מען האט א ברייטע שוועל, דארפן מען נישט לייגען די מזוזה ביי די טפח ווי מען קומט אריין אין שטוב, נאר מען זאל עס לייגען אינדערמיט. ווייל לויט די טעם כדי שיפגע בה תחלה, אז ווען ער קומט אריין דארף ער פוגע זיין תחלה, קומט אויס אז ווען ער גייט ארויס דארף ער אויך פוגע זיין אין די מזוזה תחלה, און אויב מען לייגט עס נאנטער צו די כניסה, איז ווען ער גייט ארויס, נעמט עס לענגער ביז ער קומט צו צו די מזוזה, ממילא זאל מען לייגען אינדערמיט. און דעמאלטס איז ער די זעלבע פוגע אין די מזוזה, סיי ווען ער גייט אריין, און סיי ווען ער גייט ארויס. איז דאך נאר געבליבען דער צווייטער טעם וועגן שמירה, און אז עס איז שוין דא שמירה אויף די אויסענווייניגע טיר, איז דאך שוין אלעס אינווייניג א חלק פון די שמירה. דער **שינאווער רב** האט אבער געהאלטען, אז מען איז מחויב ביי יעדען טיר צו לייגען בטפח הסמוך לחוץ, ווייל די שמירה פון יעדע שטוב, איז א עקסטערע שמירה פאר זיך. און ממילא דארף די שטוב זיין משומר ווי מער מען קען, און ממילא זאל מען עס לייגען ביי די אויסנווייניגע טפח.

*

**ווי** אזוי עס ברויך צו זיין די קשר פון תפילין, האט זיך אויך דער **שינאווער רב** געפירט אנדערש ווי דער **צאנזער רב**.

*

**דער שינאווער רב** האט שטארק מקפיד געווען, מען זאל אייביג זאגען תחנון. עס איז אמאל אויסגעקומען אז דער **צאנזער רב** איז געווען אין

די שטאט רודניק נאך פסח שני. מען ווייסט אז אין די טעג פון די ספירה פון הוד, איז דא וואס זאגען נישט קיין תחנון. און דער **צאנזער רב** האט דעמאלטס געזאגט פארן ציבור, אז מען זאל נישט זאגען קיין תחנון. האט אים דער שינאווער רב געפרעגט, אז אין **שלחן ערוך** איז נישט אויסגערעכנט די טעג, אז מען זאגט נישט קיין תחנון. האט ער אים געזאגט, מיין קינד, עס שטייט אין **זוהר הק'** (רעיא מהימנא בהעלותך קנב:), אז נאך פסח שני, די ספירה פון הוד, זענען די תרעין פתוחין, די טויערן זענען אפען, און ממילא דארף מען נישט זאגען קיין תחנון. האט דער **שינאווער רב** געזאגט, אז די טויערן זענען אפען, דארף מען דאך אוודאי זאגען תחנון. עס וועט דאך אוודאי אנגענומען ווערן די ווידוי וואס מען איז מתפלל. און דער **צאנזער רב** האט ווייטער געהאלטן אז מען זאגט נישט קיין תחנון, און דער **שינאווער רב** איז ארויס אין פאליש, און געזאגט תחנון. נאכדעם האט דער **צאנזער רב** געפירט טיש, און דער **שינאווער רב** איז נישט אריינגעקומען צום טיש. און מען האט געהאלטן אז עס איז א המשך צו זיין קפידא, אזוי ווי ער האט זיך פריער צוקריגט מיטן זאגען תחנון, ממילא קומט ער נישט אריין צום טיש.

**יארן** שפעטער ווען דער **צאנזער רב** האט שוין נישט געלעבט, איז דער **שינאווער רב** אמאל געקומען קיין רודניק אין די טעג, און מען האט געדענקט די מעשה, אז פאריגע מאל איז דער **שינאווער רב** ארויס געגאנגען זאגען תחנון אינדרויסן, האט מען געזאגט תחנון. און דער **שינאווער רב** האט געגעבן א קלאפ, אז מען זאל נישט זאגען תחנון. דער טאטע איז געווען רב דא אין שטאט, און דער טאטע האט געפסק'נט אז מען זאגט נישט קיין תחנון, זאל מען נישט זאגען קיין תחנון.

**האט** ער דעמאלטס געזאגט, אז די סיבה פארוואס ער האט זיך דעמאלטס געקריגט מיטן פאטער איז געווען, ווייל ווען ער איז געווען דעמאלטס אין רודניק, האט ער זיך ביי נאכט געחלומ'ט, אז עס איז געקומען די צייט, אז דער **צאנזער רב** דארף נסתלק ווערן, און ער גייט איבערנעמען דעם פאטער'ס פלאץ, און זיין דער ממלא מקום. און כדי ממתיק צו זיין דעם דין אויפן **צאנזער רב**, האט ער זיך געקריגט מיט אים אין די הלכה, און ער האט אויסגעפועל'ט דעמאלטס, אז דער **צאנזער רב** זאל לעבן נאך צוויי און צוואנציג יאר. און דאס וואס ער איז נישט אריינגעקומען צום טיש, איז געווען ווייל ער האט געפאסט דעמאלטס א תענית חלום, אויף דעם חלום וואס ער האט געזען, אז דער **צאנזער רב** גייט נסתלק ווערן.

*

**נאך** די פטירה פונעם **צאנזער רב**, ווען דער **שינאווער רב** איז אריין צום צאנזער רב'ס שטוב, האט ער געזען אז עס איז נישט געווען קיין זכר לחורבן. איז ער תיכף געגאנגען, און ער האט אראפגעקראצט פונעם וואנט, אז עס זאל זיין א זכר לחורבן.

*

**דער שינאווער רב** האט זיך אמאל אויסגערעדט פארן ברידער, דער **קרייזער רב**, אז ער האט נישט היינט קיין רבי. דער **שינאווער רב** איז אסאך ארומגעפארען צו רבי'ס. ער איז געווען אין בעלזא, און אין אנדערע פלעצער. און ווען דער **צאנזער רב** איז אוועק, האט ער געזאגט, אז ער האט שוין נישט היינט קיין רבי. האט אים דער **קרייזער רב** געזאגט, נו, דעמאלטס ווערט מען אליין א רבי.

**דער קאלאשיצער רב** האט געזאגט, אז דאס איז נישט געווען קיין ווערטל, וואס ער האט אים געזאגט. נאר עס איז א עצה וואס ער האט אים געזאגט, ווייל א יוד דארף אייביג זיין פארבינדען מיט א רבי. אדער ווערט מען אליין א רבי, און אויב מען ווערט נישט אליין א רבי, דארף מען האבען א פלאץ ווי מען זאל טרעפן א רבי. אז דער **שינאווער רב** האט געזאגט, אז ער האט נישט קיין רבי, האט ער נישט קיין ברירה, און ער דארף אליין ווערן א רבי. און אז מען קען נישט ווערן אליין א רבי, מוז מען זוכען א רבי, וואו מען זאל זיך קענען דרייען ביי אים.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**